בעזהשי"ת
קינדערגארטן
ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן




# פ' חקת תשע"א









## ✪ א שטיין וואס געט וואסער

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך לערנען מיר די מעשה פון די שטיין וואס משה רבינו האט געשלאגן, און עס האט געגעבן וואסער.
מיר זעהן א גרויסע שטיין ליגן אויף דער ערד, און מיר רעדן און שרייען צו די שטיין העבער און העבער "געב וואסער – געב וואסער", אבער די שטיין געבט נישט קיין וואסער. עס רינט נישט קיין וואסער פון די שטיין. ביז **משה מענדלאוויטש** נ"י האט גענומען א שטעקן אזוי ווי משה רבינו האט גענומען זיין שטעקן, און ער גייט צו צו די שטיין, ער געט א קלאפ. און עס קומט ארויס עכטע וואסער. קודם זעהן מיר ווי עס רינט אביסל. און נאכדעם געט ער ווידער קלאפ אויף די שטיין, און עס נעמט זיך גיסן אסאך וואסער פון די שטיין. עס איז געווען זייער אינטרעסאנט, מיר ווילן דאס זעהן נאכאמאל און נאכאמאל....

## ✪ די מעשה פון דמא בן נתינא

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך לערנען מיר אויך די מעשה פון דמא בן נתינא. מיר זעהן א כהן גדול (**יצחק אלי' ביטמאן** נ"י) האט אנגעטוהן א די כהן גדול קליידער מיט א חושן. עס האט צוועלעף שטיינער. איין שטיין איז ארויס געפאלן. מיר ווייסן וויאזוי דאס הייסט "ישפה". דערנאך זעהן מיר ווי צווי "חכמים" (**מרדכי'לע עקשטיין** נ"י און **שמעון חיים אברהם רובין** נ"י) גייען ארום און פרעגן יעדן "ווי קען מען קויפן די שטיין – ווי קען מען קויפן די שטיין? ביז זיי קומען אן צו די הויז פון דמא (**שלמה כייעס** נ"י) בן נתינא זיי קלאפן אין די טיר אבער דמא ווייזט מיט די הענט אז ער וויל נישט פארקויפן די שטיין. פארוואס וויל ער נישט פארקויפן די שטיין? מיר זעהן פארוואס? ווייל זיין אלטע טאטע (**פנחס ווייס** נ"י) שלאפט אין בעט מיט די שליסעלעך אין די הענט. און נעבן דעם ליגט די קעסטעלע פון די טייערע שטיינער. זיי זאגן אים "אונז וועלן מיר דיר געבן אסאך געלט" זאגט ער ניין, און שיקט זיי אוועק. ענדליך איז זיין אלטע טאטע אויפגעשטאנען, און דמא איז שנעל נאכגעלאפן די חכמים און זיי געגעבן דעם שטיין. יעצט זעהן מיר דעם כהן גדול'ס חושן מיט אלע צוועלעף שטיינער...

## ✪ די מעשה מיט עוג

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך לערנען מיר אין די סדרה די מעשה פון עוג מלך הבשן וואס האט געוואלט ארויף ווארפן א גרויסע בארג אויף די אידישע קינדער. **חיים אליעזר לאנדא** נ"י ווייזט אונז וויאזוי ער שטייט הויעך אויף א בענקל אזוי הויעך ווי עוג מלך הבשן, און ער הייבט אויף א גרויסע ריזיגע בארג....

## ✪ פרה אדומה – א רויטע קוה

די וואך לערנען מיר אז דער הייליגער באשעפער האט געהייסן מ'זאל נעמען א רויטע קוה און דאס פארברענען און מ'זאל שפריצן די אש אויף

א טמא'נע מענטש. אויך אז דמא בן נתינא האט באקומען שכר פון הימל א רויטע קוה.

א גרויסן יישר כח פאר אלע קינדער פון רבי מיללער און רבי שעהנברויז'ס חדר וואס האבן געפעינט א גרויסע ריזיגע רויטע קוה וואס אלע קינדער האבן געקענט זעהן.

## ✪ פון א באס רבי

חשובע עלטערן שיחיו

לעצטע וואך האט איינער פון די חשובע באס דרייווער געשריבן איבער די וויכטיגקייט פון אנצוטוהן דעם פיי"ן פאר אייער אינגל יעדן טאג. און ב"ה מ'זעהט אז עס האט געהאלפן און גאר אסאך עלטערן האבן דאס אנגענומען ערנסט און טוען אן פאר די קינדער דעם פי"ן. דאך, אלס באס רבי בין איך דאך אטאמאטיש אויך א שטיקל שותף אינעם פראבלעם, דערפאר שפיר איך צוצוגעבן נאך איין קלייניגקייט וואס וועט שטארק צוהעלפן צו דעם ענין. און דאס איז

### אפווארטן אייער קינד ביים באס

ספעציעל איז דאס גאר וויכטיג ביי די קלענערע קינדער. וויפיל מאל מאכט זיך אז דאס קינד פארקריכט פון זיין הויז און עס האט זיך שוין אויך געמאכט גענוג מאל אז א קינד איז צוריק געלאפן אויפן גאדדער און מ'האט אים באמערקט די לעצטע מינוט... ממילא איז זייער וויכטיג אז מ'זאל אפווארטן די קינדער, און און אויב מ'קען נישט פונקט ארויס קומען, אפשר איז כדאי צו בעטן און אפשמועסן מיט א שכן אדער שיקן א גרעסערע קינד וואס זאל אים אפווארטן. מיר פארשטייען אז ס'איז א ביסל א שווערע זאך, אבער ווען עס פאסירט אז דאס אינגעלע איז היינט נישט אנגעקומען מיט זיין באס און מען ווייסט נישט ווי ער געפונט זיך און מ'ווארט לאנגע אנגעצויגענע מינוטן געוואויר צו ווערן אז ער גייט קומען מיט די נעקסטע באס און מ'ווייסט נישט ווען די אנדערע באס וועט אנקומען, דעמאלס דארף מען ווארטן אסאך לענגער אויפן גאס ווי די צוויי מינוט.

דעריבער, בעט איך די חשובע עלטערן, זעהט איין די וויכטיגקייט סיי פונעם אנטוהן די פין און סיי פון אפווארטן די קינדער יעדן איינציגן טאג און מיט דעם וועט פארשפארט ווערן עגמת נפש פארן קינד, פאר אייך, פארן באס דרייווער און פאר מיר דער באס רבי.

דער באס רבי

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט

א הערצליכן מזל טוב

**פאר המלמד החשוב**

**מו"ה שלמה ברייער שליט"א**

צו דעם געבורט פון אן איניקל נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן

פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך פיהל נחת דקדושה געזונטערהייט עמו"ש

## ✪ מעסעדש פון די וואך?

ביטע נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי"ן פאר אייער קינד. אויב האט ער פארלוירן די פי"ן, ביטע שיקן 3 דאללער פארמאכט אין א ענוועלאופ ארויפגעשריבן די נאמען פונעם קינד און ביי וועמען ער לערנט, און ער וועט אי"ה באקומען א נייע פי"ן.

# זיסע חכמה'לעך

✪

**אשר לעמל'ס** שוועסטער האט געדארפט מאכן פיאות... פאר איר גראדועיש"ן, פרעגט ער **"מ'גייט דארטן זינגען ונהפוך היא?**

✪

**אברהם עביר פרענקל** זאגט **"ער האט געזעהן דעם רבי"ן שליט"א אונטער די חופה מאכן קידוש"....**

✪

**אלימלך הערשקאוויטש** זאגט **"ווען משיח וועט קומען וועל איך נישט גיין ביי די עק פון די וואלקן, כ'האב מורא כ'וועל אראפפאלן"...**

✪

**אלימלך** האט נישט געוואלט קאלערן די בילד ווי אלע זאכן פון קרח פאלן אריין אין די לאך, **"ווייל ער האט מורא אז זיין קרעיאן וועט אויך אריין פאלן"...**

✪

**נפתלי הערש שווארטץ** האט געוואלט עסן זייער אסאך נאש שבת נאכמיטאג. האט זיין מאמע געזאגט אז אויב מ'עסט אזויפיל נאש, ווערט פארשטאפט חלילה די קאפ און מ'קען נישט לערנען די הייליגע תורה ווען ער וועט אריין גיין נאך סוכות אין כתה א' אי"ה. רופט ער זיך אן **"ווען איך שלינג אראפ די עסן גייט עס אריין אין מיין בויך – נישט אין מיין קאפ"....**

✪

**שמואל משה מענדעלאוויטש** האט געהערט א טעיפ ווי איינער בלאזט שופר, זאגט ער **"אין די טעיפ איז שוין משיח געקומען"...**

✪

**משה בראך** איז ארויסגעקומען פון בעט. פאר ער איז צוריקגעגאנגען פרעגט ער **"איך דארף איבערליינען קר"ש?"...**

✪

ווען **חיים ברוך סופר** האט געזעהן א בליץ, רופט ער זיך אן **"איך וויל מאכן א ברכה אויף די פיקטשער"...**

✪

ווען ער האט געזעהן ווי זיין שוועסטער ברענגט אריין צוויי חלות, רופט ער זיך אן **"מ'דארף נישט אריין ברענגן 2 חלות ווייל טאטי לאזט איבער איינס"...**